# וויגדערקע

## (וויקטאר)

## דער שטראז אינגעל

איינע וואהרע ערציילונג. אונד דאך וואונדערשיין
עס ליגט אין דעם איין טיפער מיינונג. דער צו
נאך געשריבען מיט גרויס געפיל. אונד בצילט
אין איין וייטען ציל:

**ווארשא**

שנת תרל"ב לפ"ק

**ВИГДЕРКЕ (ВИКТОРЪ)**

Повѣсть

Сочиненіе И. Копелевича.

ВАРШАВА.
въ Типографіи И. Гольдмана,
Мурановская № 24.
1872.

1/68305



פון דיזער סצענע וואהרן גרירט אלע געסטע. אונ גזאגט מזל טוב. אונ אויף מארגען וואר תנאים באלד נאך דעם האבצייט. דער גראף האט גינומן דעם גרעסטן אנטייל ביי דיזער פריידע. אונ האט נאך דער לעבט צו זעהן וויא דיזע פאר פאלק האבן געלעבט בייא זאמען גליקליך אונ וויא דער איידעם וואר גליבט פון זיינע שווינגער עלטערן אים העכסטן גראד אונ וואהרען אים דאנקבאר ציים זייא האבן גילעבט

## ענדע

דיזען ספר, אויך אללער האנד ספרים פון אללע מינים, פון ש"ס, משניות, רמב"ם, ביז קליינע ספרים, בעקומט מען צו קויפען בייא ר' יצחק קאפעלאוויטש, מחזיק סקלאד גדול של כל מיני ספרים בק"ק דינאבורג.

אדרעס למכתבים

И. Копелевичу. въ Динабургѣ.

Дозволено Цензурою.
28 Декабря 1871 г. Вильна.

1/68305



(1)

## דער באנקע שלמון אייבשיצער:

בימי נאפאלעאן הראשון) אין דיא צייט פון דעם ערשטען נאפאלעאן האט געלעבט אין פאריז איין גרויסער באנקער וואס מען האט איהם גירופען ר' שלמון אייבשיצער. ער וואר אלמן. א גרויס גיבילדעטער מאן. א גרויסער מיוחס ווי עס איז צו זעהן פון זיין פאמיליענאמען. דאס הייסט פון דעם ר' יונתן פראגער אבקונפט (גזע). דער צוא וואר ער איינער פון דיא גרעסטע ארצאפייעשע גבירים. דאס הייסט איין מיליאנער. וואס זיינע געשעפטען וואַרען פערצווייגט אין אלע וועלט טיילען. אויך וואר ער בארימט אין פאריז וועגען זיינע מדות טובות. ער וואר א בעל צדקה. א בעל גומל חסד נאר אן רעליגיאנס אונטערשייד. אונ וואר דאהער בליבט אונ גישעצט פון יעדען בזונדר. נאך מער אבער וואר ער געאכטעט אונ גיעהרעט פון דעם נאפאלעאן זעלבסט וואס איז בקאנט געווארען מיט איהם ביי זיינע ערשטע בזוכע וואס ער האט בזוכט דיא גרויסע מאדאם יאזעפינע אין איהרעם הויזע אלס זיא וואר נאך וויטווע אונ האט גטרויערט אום איהר ערשטען מאן באַהארני. זיא וואר דאן גאנץ עלענד אונ פערלאסען. אונ וואלט גווים מיט איהרע ביידע קינדר. האָרטענזע, וואס איז די מוטער פון דעם איצטיגען נאפאלעאן. אונ איהרעם זון. איגען. פערשמאכטעט פון הונגער ווען זיא וואלט ניט גפונען שטיצע אונ הילפע אין דיזעם שלמון וואס וואר א גוטער פריינד פון איהרעם ערשטען מאן. ער וואר איבר די גאנצע שרעקענס צייט וואס זענן אונטער גיגאנגען אין איהר מער אלס דרייא טויזענד פארנעהמע פאמיליען אין פאריז אליין נאר אום מאנגעל אונ נויט. וואר

ער זייער גינערער אונ בשיצער מיט טהאט אונ מיט ראהט.
נאר אן דיא מינדעסטע אויס זיכט צו ווערין בעלוינט אמאל
דער פאר. נאפאלעאן פלעגט אים זייער אפט טרעפן דא...
ביי א זיינע בזוכע וואס ער פלעגט צו מאכן ביי א דיזע שיי...
יאזעפינע מיט דער אביכט צו הייראטען איר. דען ער האט
זיך אין איר פארליבט. אונ פלעגט זיך מיט אים דארט אונטער
צוא האלטן איבער מאנכע פינאנצעלע זאכן. דען נאפאלעאן
וואר שוין דאן דיקטאטאר (מאכטהאבער) פון גאנץ פראנקרייך.
אונ אם ענדע האט ער זיך מיט דיזעם שלמון באדינט אלס
פארמיטלער צוא ווישען אים אונ דיא יאזעפינע. אונ זויא
בידע. דאס הייסט נאפאלעאן אונ דיא יאזעפינע זענן אים
גבליבן פארבונדן נאך זייער הייראט אוף אימער אונ אייביג.
אונ וואר אלזו זייער הויז פריינד ביז זיי האבין זיך געשידן
(גגט). אונ דאן נאך אוך איז אים דער נאפאלעאן זייענדיג
שון קייזער אויך זייער גוט גוועזן. ער האט אים ערהייבן אין
דעם אדעלשטאנד. ער האט אים גמאכט פאר איין וויקאמטע
(פארגראף) פאר אגענט פון זיינעם הויף. האט אים בעשאנקן
מיט דעם ארדען וואס מען רופט עהרענלעגיאן. אונ אין
אלזוי גיוואקסין פון טאג צו טאג אזוי אין פארמעגן אונ אזוי
אוך אין רוף (שם). נון קיין וואונדער דאס אזו א מענש וואס
איז אזוי פארנעם גרויס געהעצעלט (געפעשעצט) פון גליק
גיצירט מיט גרוסע טאלענטע (השלמה) אונ מיט אלער האנד
טוגענדען (מדות טובות) וואר ביי זיך גיהויבן. יא דאס א...
וואר ער האט פון זיך פיל גהאלטן. דאך אבער ניט שטא...
ניט אזוי אבער וואר זיינע פרויא איינגע (איינגע) זיא וואר
איינע ווינערן. אוך פון אדעלשטאנד. פון דר גרוסע פאמיליע
לעמיל. איינע גרוסע שונהיים. העכסט גבילדעט. אונ זייע...
רייך פון צו הויז. מער אלס איין האלב מיליאן האט זיא אהיי...





גבראכט דעם מאן בזוכן. זיא וואר דאן אלט צוויי אונ צוואנציג
יאר. אונ ער דרייסיג. אונ מיט דער צייט אלס נאפאלעאן
איז גיווארן קייזער. האט זיא גשפילט איינע גרוסע ראללע
אין דעם פראנצויזישען הויף. פרינצען ווארען ביי איר שוין hybris
ווי געווייגליכע מענשין. נון זיא וואר שון ווירקליך שטאלץ.
אונ האט גטרייכט נאר פון עהרען אונ גלאנץ. אונ דיזעם מיינע
לעבן איז איינע פון דיא שלימסטען זינדען. וואס מען ווערט
אוף איר גשטראפט גיך אונ באלד. וויא מיר גפינין ביי דעם
נבוכדנצר. דאס פאר דעם וואס ער האט חרוב גמאכט דעם
בית המקדש איז ער ניט גווארין באלד גישטראפט. עס וואר
נאר אוף אקאנטע פערצייכינט. פאר דער ווידע אבר וואס ער
איז גווארין ביי זיך זייער שטאלץ האט מען זיך מיט אים באלד
אפ גירעכנט. ווי דער פסוק זאגט (וכדי רם לבבה כו׳ הנחת
מן כרסא) דאס הייסט וויא דער נבוכדנצר איז גיוואקן ביי זיך
שטאלץ איז ער גיווארין באלד ארונטער געשטירצט פון זיינעם
טראהן. אונ דיזער פאל וואר דא אויך. אבער מיט חסר. דען
זיא האט דא מער ניט בעקומין וויא אווינק (אין נאפיטעס)
פון גאט דאס העדר אים לאנדע בין איך:

(2)

איידאקסע (עכסה)

(וההצלחה אשר הגדילה לעשות טובה עמהם) אונ דאס
גליק וואס וואר זייער גוט און אלע ענייני העולם
וואר דיא אוך גוט אין דעם ענין פון שלום הבית. (היינו פרידין)
דען זיי האבן צווישן זיך גלעבט זייער פרידליך. אין אפאר
יאר נאך דער חתונה האט דיא איינע גבאהרען א טאכטער וום
דיא האבן איר א נאמין גיגעבין עכסה. (אונ אין פראנצויזיש
איידאקסע) זיא וואר שיין וויא איין קליינער פרידענס איינגעל.

אונ ליבלאך וויא דאס אנבעגינען פון איינעם יונגען מאי טאג אוך איר האט דאס גליק צו געשווארן ביי דער וויגע איבריגע טרייע אונ ליבע . זיא וואר ערצוגין אונ גיצערטעלט ווי איינע ערבפרינצעסן ריין אונ ציכטיג געוויגט פון צעהן הענדין אונ געקושט פון אנצייליגע אדעליגע מיילער . דען עס וואר איין איגענלומט דיזע קליינע אנצוזעהן . אונ איין פערגעניגן זי צו בעריהרען . נאר פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט דאס דיא עלטערן הויפטזעכליך דיא מוטער האט זיך גמאכט גאלדענע פארשטעלונגען פון דיזער קליינע . אונ האט געווים גימיינט דאס נאר צו ליב איר אליין דארף קומן משיח . דען זאנפט זעט זיא ניט האבן מיט וועמן זיך צו פערהייראטען . דער צו נאך האבין איר אין דיזער אירע געדאנקען) געשטערקט אירע אלע דינערשאפט דיא קאמערמיידכען . אונ אזו אויך דיא אלע איינוואהנער פון איר גרוסן הויף . מאנכע פון ויי האבין שון דיזע קליינע אין פאראויס גירופין „אידעשע פרינצעסין" . „קיניגען פון ירושלים" : „די רויזע פון שרון" . אונ נאך אזעלכע צוקער זיסע טיטעלכען וואס די מוטער הט דם גערען געהערט :

מעהר אבער פאר אלעמען וואר צוגטאן צוא דער קליינע אידאקסע די פרויא פון דעם פארטיר (שטראז) וואס הט גהייסן אנגעס וונעשעו . איר מאן יאזף שערפע וואר איין הערונטער געקומענער קויפמאן . דען ער וואר אין דיא שרעקענס צייט אנגיקלאגט אלס איין פאליטישער פערברעכער . אונ וואר איינגישפארט אין איינער שווערען געפענגעניש . אונ איז פון דארט ארויס קוים מיט דעם לעבין . דאס פילע פילע טאגע האט ער זיך גמוזט אלץ איינקוקין אין שפיגעל אום צו זעהן צו ער האט נאך זיין קאפ אויף זיך . דען עס פלעגן דארט אין יענע צייטין פאלין קעפ אונטער דער קווילעטינע (איינע בלוט מאשינע) פיל לייכטער אלס מאי קעפע . אונ האט זיך אלזוי

געשעצט



געשעצט פאר איין גליק אין דיזעם דראנג דער צייטן צו ווערן איין פארטירער (שטראז) ביי אזו איינעם רייכען אונ אידעלין מאן אלס הערר שלמן אייבשיצער איז . זיינע פרוי די אגנעס וואר איינע מייסטערן אין נייען אונ אין וואשין . אונ דאהער וואר איר אנגעטרויט די גארדערבע פון דיזע קליינע אידאקסע . אונ פלעגט זיך מיט דיזער גילעגנהייט בענוצען צו העטשעלין דיזע קליינע כאנבע האלבע שטונדע אויף אירע הענדע . אונ די אידאקסע וואר איר זייער גוט אונ העכסט צוגיטאן :

## (3)

### וויקטאר (אביגדור) :

דיזער שטראז האט גוואונט אין דעמזעלבינען הויף אין אקעלער היזכען אקליינע וואס וואר גראדע אונטער די חייזער פון דעם באנקיי . אויבן וואר לעבין אונ פרייד עונגיזאנג אונ קלאנג . איבר פרום (עטיקייט) אין אלעם גוטין . זעלבסט די זאנע האט אהין פריינדליך דען גאנצען טאג אריינגיקוקט דורך די שפיגעל הייכע פענסטער וואס ווארען געווענדעט אין גאס געגין אשיין גרין בעוואקסענעם בולוואר . אונ דער באנקיי אונ זיינע פרויא האבין גיוואנדעלט פון איינעם פערהעניגן צו דעם אנדערין . אונ אונטן אבער ביי דעם שטראז וואר איינג אונ דונקעל אונ מאנגעל איבער מאנגעל . דען איינע העלפטע פון זיינעם קנאפען גיהאלט וואס ער האט גיהאט האט ער גמוזט זיינע בעלי חובות אוועק געבן : אונ האט אלזו גימוזט מיט זיינע קליינער פאמיליע מאנכע טעג פאסטין . אונ דער קליינר וויקטאר זיין איינציגעם קינד פלעגט מיזען אלע צייט צי זוכן צי וינמער בארוועם גיין . אונ האט נאך דער צו גמוזט זייער פיל גיין . ניט קוקנדיג דם ער קוים זעקסטע יאהר איזט . ער פלעגט אים שיקן אויף דער פאסט אפ צו נעמין די צייטונג

אונ

אונ אום צו שפּילן עס אלע איינוואהנער . אום רייסן די ווילדע
גראז וואס וואקסן אן אוף די לאוועס . אוועק טראגן עופות
צום שוחט . אויסער דעם האט זיך מיט אים געשאפט ווער
עס האט נאר געוואלט . אונ ער האט אלעמען געפאלגט זייער
ווילג . אונ פלעגט צו בקומן זייער האפט איין זום (קאפייקע)
אדער איינע זעמיל דער פאר . אונ וואר אימער לוסטיג אונ
מונטער . מער פאר אלץ אבער פלעגט אים זייער צו בשפטיגן
צוא טאנצן בארוועסערהייט אונ אין איינע הייזלאך מיט
אקאמעוועלקע פאר דיא איידאקסע אלס אירע ערציהערן פלעגט
צוא זיצען מיט איר אוף דעם גרין בעוואקסענעם בולוואר .
אונטער איינער אקאצען (אזו אבוים) . אונ דיא קליינע הט עס
גערן צו געזעהן . דען דיזער וויקטאר וואר איין זייער שיינער
אינגעל . שיין געוואקסן גוט געבויט . איין אפענעם געזיכט שווארצע
גרויסע אויגן . דונקעלע האר . אונ זיא פלעגט זיך נאך זייער
שטארק פון איינאנדער לאבן . אלס דער וויקטאר פלעגט דר
ביי פאלין וואס ער פלעגט עס צו טאן מיט אבזיכט . אירע
עלטערן פלעגין עס צו זעהן דורך דיא פענסטער מיט פרגניגן .
אונ פלעגין ארוים צוא ווארפין דעם וויקטארען איינינע זום
(קאפייקעס) וועלכע ער פלעגט עס זייער אוף האפין אין זיינע
הויפענס . וואס דיא קליינע האט געהאט פון דעם איינגען
בעזונדערין פערגניגען . אונ דאך ביי אלעם דעם האטע דיא
מוטער פארזאגט דיא ערציהערין דאס זיא זאל ניט צו לאזין
דעם וויקטאר דאס ער זאל זיא בעריהרין אדר וואס געבן פון
זיין עסין . אונ דיא אממע האט עס פינקטליך ערפילט :

קיינער גיים ניט אזו לאנגזאם אונ שנעל וויא דיא צייט .
זיא מאכט קליינע שריט (טריט) דער פאר אבר רוהט זיא ניט
איינע סעקונדע אונ גייט דאהער איין אין איינעם יאר גרוסע
שטרעקן (מרחקים) . אונ טרעט אריין פון איין יאר אין דעם
אנדרן



אנדרן גאר אונבעמערקטערהייט . אונ אזו וואר דא אוך . עס
זענן זיך אזו גאר ניט שפירענדיג איבערגלאפין עטליכע יאר .
אונ דער וויקטאר איז זיך אויסגעוואקסן אגאנץ שיינר אינגעל .
דאס עס וואר איינע אונגעגלויבט אוף אים צו קוקין . אונ אזוי
אוך די טאכטר פון באנקיר . די פיל פערשפראכינע *) איידאקסע
הט ניט בעטראגן אירע עלטערן אין זייערע ערווארטונג . דען
זיא האט זיך ענטוויקלט וויא איינע טוליפאנע (אזו אמין בלום)
עס וואר איר שון מער ניט צו זעהן מיט איר ערציהערין אויף
דעם גרינבעוואקסענעם בולוואר אונטער דער אקציע . אונ אזו
אים אוך ניט דארט טאנצענדיג בארוועסערהייט . דען זי וואר
שון אסיידבעין פון איאר זיבן . וואר אימער צו הויז בעשעפטיגט
מיט דעם לערנין . אונ פלעגט זיך מיט דעם וויקטאר זעהן
נאר אלס זיא פלעגט מיט דער מוטער ארוים פארן שפאצירן .
זיא פלעגט אים ביי דעם טויער בעגריסן מיט איינר האנדקוס .
מיט איינעם קאפ שאקעל . דען זיא וואר אים נאך דאן אויך
זייער גוט . דיא מוטער אבער האט עס איר אום גירעט . „דוא
ביזט שון קיין פיציקע מיידעלע . האט זיא צו איר געזאגט .
מן פאסט שוין פאר דיר ניט דאס דוא זאלסט אזו איינעם
בורשען געריסין וואס דארף זיין דיין שוך פוצער . דאך אבר
וואס גאט וועל ליידן . דאס קען קיין מענטש אוים מיידן .
אונ אזו וואר דא אוך . איין מאל פר מיטאג אלס דא וויקטאר
האט גידארפט ארויף טראגין צוא דעם באנקיר צייטונגין אונ
בריף וואס דער פאצטיליאן האט גלאזן ביי זיי אין קעלער .

הט

*) איין קינד וואס ווייזט אוס דאס פון אים זאל ווערין וואס
רעכטס ווערט אנגרופן איין פיל פערשפראכינעס קינד . דען
עס זעהט אוס אזו וויא ער וואלט עס זעלבסט פארשפראכין
דאס ער וועט עס גוויס ווערן :

האט ער דער הערט איינע פיפצעריי ווי פון אפעריאנטע הין . הערט זיך ארום פון אונטער דעם קיך פאפיעך וואס איז אין פארהויז . באלד אבער האט ער אנגימערקט דס דאס איז די שטימע איינעס קינדעס . אונ האט דארט גפונן דיא קליינע איידאקסע . „א זאגע עס ניט דיא מאמא אונ דעם פאפא" האט זיא זיך אפ גירופין . דען זייא וועלן בייזע זיין . אונ צו וואס ביסטו אהער פארקראכין ? האט ער איר גיפרעגט . ווייל עס ברענט אין קינדער שטוב . האט זיא אים גיענפערט . נון האט זיך דער וויקטאר אריין גחאפט אין דער קינדער שטוב . אונ האט גיפונן דאס דיא גארדינען מיט דעם וואלעקשטאק זענין אין העלער פלאמין . ער האט עס באלד ארונטער גיריסן . האט לארעם גימאכט . עס זענען אנגילאפן מענשן אונ מען האט עס איינגילאשן . זאנסט וואלט דאס גאנצע הויז אוועק מיט פייער :

דער באנקיי מיט זיינע פרוי האבן דיא קליינע איידאקסע זייער שטארק עקזאמענירט . אונ זיא האט דער ציילט גאנץ נאאיף (אפען) איך האב נאר איין קליינעס שוועביל העלצכין אריינ גטאן אונ עס וואר פייער . איך האבע גשפונגט נשפיגין אוף דיא גארדינען עס איין צו לעשן . איך האבע אבער ניט גינוג שפוג . אונ האב מיך אלזוי באלד פערשטעקט אין דעם הינטער לאך . „אום שפוקען" האט זיך אפגירופין דיא מוטער׳ וואס איז עס פאר איין ווארט ? האסט דוא ווען גיהערט דאס דיא מאמא אונ דער פאפא זאלן זיך ווען בעדינען מיט דיזעס גראבין ווארט . ווי האסטו דאס קליינע קאנאליע דערלערנט . פון אונטען ? :

דער וויקטאר האט אבער באקומן פון דעם באנקיי דר פאר איינען פראנק . ער האט אים אבער ניט פערנאשט נאר גקויפט דיא צוגעלאך פארב אונ האט דער מיט קאלארירט . אלע זיינע צייכענונגין וואס ער האט ביז אהער גצייכנט נאר מיט





בלייז שטיפט . דען דיזער קרייגער יונגע וואס וואר דאן אלט קוים צוועליף יאר . האט פון זיך אליין פארשטאנען צוא רימעווען . אונ וואר אין דעם פארטאהן טאג אונ נאכט . דען איין טאלענט לאזט זעלבסט איינען קינד ניט רוהען . וויא דיא גבורה האט ניט גלאזט רוהען דעם שמשון הגבור . אונ האט אלין גזוכט נעוע גילעגינהייט וואו עס אנצווענדין . אונ הט זיין ערשטין מיט פארב גימאלטן פאטרעטשול אוועק גשענקט דער עכבסה „שארמאנט (בראוו) האט דער באנקיי אום גשריען אלס ער האט דיזע גמאלטע דער זעהן . יא דיזער יונגע האט זעני׳ . באלד נאך דיזער גשיכטע האבן זיך די ביידע קינדער צוא זאמען גטראפין אין גארטין . וויקטאר האט דאן גיגעסין שווארצין ברויט מיט פוטער . דיא איידאקסע בעקומט לוסט דער צו . אונ האט גינומן אנטייל אן זיינעם ארימען מאלצייט אונ עס האט איר פיל בעסיר גישמעקט אלס דיא בעסטע גידריבטין צו הויזע . אונ דאך הט זי זיך גהיט עס צו ערציילן צו הויז . אין אפאר יאר ארום הט שון אנגיהובין דער וויקטאר צו גיין אין דער צייכענונג שולע אונ דיא איידאקסע וואר שון בזעצט מיט טייערע לעהרער אונ גוווערנאנטקעס . אונ איז גיוואורין שענער אונ גבילדעטער פון טאג צו טאג :

## (4)

### דער גמאלטער פאלאץ :

דר מאנאט מאי דר ליבליכסטר פון אלע צוועלף מאנאטן . וואס אין אים פייערט דיא נאטור איר האכצייט . ווערט אויך אין אים מאנכער טאג בטריבט פון פינסטרע וואלקין אונ פון טויא וועטער . אבר אויך בלייבט ניט אוף אימער הייטער אונ לוסטער זעלבסט דאס לעבן פון דעם גליקליכסטן מענשן . אונ אזו האט קיין אויסנאהמע גימאכט אין דעם אויך דער באנקיי

שלמן אונ זיינע פרויא. דען אלס זי וואר אכט צוועליף יאר. דיא איידאקסע. דיא איינציגע טאכטער זייערע. איז זיא איבר גפאלין גיווארין מיט איינע שווערע קראנקהייט. דאס דיא גרעסטע ערצטע ווארען אונגעוויס מיט אירעם לעבין. אונ די עלטערן ווארען טיף גיבייגט. עס וואר פאר איר לעבן געבעטן אין אלע שולען. זייער פיל אלמאזען (צדקה) אוים גיטיילט. אונ אונזערער ארימער וויקטאר וויינטע רויט זיינע שווארצע אויגין. דען זיא וואר אים טייער אונ ליב פיל מער אלס איינע שוועסטער. עס האט גידויערט פילע טאגע. אונ ענדליך האט דער איינציגע גאט גהאט מיט איר ערבארעמין. אונ זיא האט זיך צוריק גקערט אין לעבין. דאס הייסט זיא איז גיווארין גיזונד אונ דאהער האבין דיא עלטערן זייער הויך גפייערט איר דרייצענטין גיבורטסטאג וואס וואר באלד נאך איר גענעזונג. עס וואר אוס גטיילט זייער פיל אלמאזען (צדקה) אונ אויך גרויסער פעסט (באלצייט) גמאכט. עס ווארין געלאדין די גרעסטע לייט פון פאריז פון יודען אונ פון קריסטין. עס ווארען בארונטער אויך איינינע פרינצען אונ פרינצעסינען. בילעטס אונ געשיינקע זענן צו גפלויגען פון אלע עקען שטאט. אונטער וועלכע עס וואר אויך איינע גראטולאציאן פון דעם ארעמין וויקטאר. אונ דערביי איין פאטרעט אדער איינע גימעלדע וואס ער האט עס גיצייכינט פון אייגינעם זינען. אונ קאלארירט מיט דעם שענסטין פארבין. עס וואר אויף אים אוים גימאלט איין פאלאץ. מיט דער אונטערשריפט: דס איז די קינפטיגע (שפעטערע) וואונונג פון דר וויקאמטע איידאקסע. פלאנירט פון דעם בויא מייסטער וויקטאר, שערפע:

ער וואר גשטעלט אין דער שענסטע אונ נייעסטע בויארט אין דער וועלט מיט גרויסע איינפעלע. אונ דער צוא נאך אוס גיפוצט מיט מעביל פון בעסטן פאסאן. דאס עס וואר

איינע



איינע אויגן לוסט עס אנצוזעהן. אונ אונטער יעדן פענסטער פון יעדן צימער וואר גצייכינט. דא שלאפט איידאקסע. דא נעמט זיא אן אירע געסט. דא טאנצט איידאקסע. אונ דא איז איידאקסעס גאבינעט. איידאקסע האט דיזען פרעזענט אנגינומען מיט גרוים פרידן. דיא עלטערן אירע האבן עס צו ליב איר ערלויבט אונ האבן עס גילאזט זיין אוים גישטעלט צווישן אלע אנדערע גשיינקע. עס איז גווארין נאכט אונ הונדערטע פלאמען האבן בעלויכטן דעם גרוסין זאל אונ אין איינער שטונדע וואר ער פאק אונ פול פון פערשידענע געסטע.

עס פארשטייט זיך אלע פון אדעל - פון דער גרויסען אריסטאקראטיע. דער וויקטאר וואר דאן אנגיצויגן אין זיינע שול קליידר מיט אייגעם טאמבאבאקין זייגער אין טאש. ביידעם איין גישיינק פון זיינעם אפעטער וואס האט קיינע קינדר גהאט. אונ איז זיך גשטאנען מיט זיינעם פאטר ביי דעם טיער אונ אים בעהילפליך צו זיין ביי דעם צו נעמן אזוי פיל געסט. דאס הייסט ביא דעם אראפ שטייגן פון פארעטאן אונ ביא דעם צו טראגין אדר נאך טראגן אקליין פעקכין זאכין:

נאך וויא אום אונ אום אזוי וואר אויך ביא דיזעם באל. אטייל האבן גשפילט אין קארטין. אטייל האבן זיך אונטער האלטין מיט דאמען. אטייל האבן גשפראכן צווישן זיך איבר די פאליטיק. אקלייגער טייל אבער האבן בעזעהן דעם טיש מיט דיא הונדערטע גשיינקע וואס ווארען אום גשטעלט אויף אים. דאס עס האט ווירקליך אוים גיזעהן וויא איינע אוים שטעלונג, אונטער דיזע בעשוינער (איבער זעהער) וואר איין גוויסער גראף קלערמאנט. איין גרויסר זאך קענער אונ וואר אליין אגרוסר ארכיטעקטאר. אונ דיזער וואר אזוי שטארק בעצויבערט פון דעם וויקטארס געמעלדע. דאס ער האט איר אויף דער שטעלע קאפירט. אונ האט זיך נאך ניפרעגט ביא

דער

דער אײדאקסע װער דער מעלער פון דיזעם ריס איז . ער איז אײן קנאבע פון זעכצעהן יאר" האט זיא אים געענפערט . אונ איז אזון פון אונזערעם שטראז . בלוט אהרעם אבר אײן בראװער יונגע . אונ האט טאלענטע דיא הילע אונ פילע :

אין דרײ טעג ארום אלם דער װיקטאר װאר אין זײנער לעהרשולע װאס ער האט זיך גילערינט דארט שרײבן רעכינן אונ צײכנין . האט אים צו גירופין דער לעהרער . אונ האט צו אים געזאגט . דער גאט װאס װאר דיר גוט ביז אהער צו בשײנקן דיך מיט גרױסע טאלענטע . װאר דיר אויך גוט צוא דער װעקן דאס הארץ פון אײנעם גרױסין גוטין מאן דם ער זאל װעלין גוטעס טאן מיט דיר . דער גראף קלערמאנט הט געזעהן דײנע צײכענונג דארט בײ דעם שלמון אוף דעם באל . אונ עס איז אים העכסט געפעלן . ער האט אין דיר ענדעקט גרױסע טאלענטע (השלמה) פון אגרױסן בױא מײסטער . אונ הט אלזוי בשטעלט דעם גרױסין צײכענער אונ אינזשעניר נעמער דאס ער זאל דיר געבן פיר מאל אין דער װאכע אונטערריכט אין דער בױקונסט . נון האסטו דיך גאר ניט װאס מישב צו זײן . גײ שוין צוא דעם גראף אונ דאנקע אים פאר זײנע װאהלטאט מיט דיר :

דער װיקטאר האט דאס באלד דער צײלט זײנע עלטערן . זײ זענין גיװארן העכסט ערפרײט . אונ דיא מוטער איז מיט אים גגאנגן צוא דעם גראף . זײא האבין דארט גהאט אײנע פרײנדליכע אויפנאהמע . דער גראף האט גלובט איר אין די אוגין איהרען װיקטאר דם ער איז אקינד מיט גרױסע טאלענטע . אונ האט פארשפראכין נאך װײטער די הילפע . אונ װײל זײא האבן גמײנט דאס נאר דער באנקיי האט דער צו בערעדעט דעם גראף . האבן זײא אים אויך גדאנקט פר די פערמײנטע רעקאמענדאציע . פון װעלכע ער האט גאר ניט גװאוסט . אונ

הט



האט עס באהער זײער קאלט אנגינומען . דען דער װיקטאר מיט זײנע געמעלדין זענין אים נאך אמאל ניט אין גידאנקין גלעגן . װאס טויג אונז אבר די מענשליכע פעראכטונג װען גאר גאט אכטעט . װיא דער פסוק זאגט (אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה) . גראדע דעם שטײן װאס דיא מויערער װילן אים ניט אין האנד נעמין איז גיװארין אײן גמויערט אין דעם רעכטן שפיגעל פון דעם בנין . אין דעם ערשטן יאר האט װיקטאר בקומן דיא קלײנע זילבערנע פרײז מעדאילע . אין דעם צװײטן דיא גרעסירע :

(5)

## װיקטארם אברײזען אונ צוריק קומן :

אם ענדע דעם דריטן יאר איז דיזער יונגער מענש שון אזו װײט גקומן אין לערנן פראפעסארין האבין אים שון גהײסין פארין קײן רוים אום צו ערלערנן דארט דיא ארכיטעקטורײ אין דער פראקטיקע . דען דארט זענין דא די שענסטע אונ די גיקינצעלסטע בנינים אין דער װעלט . דער גראף קלערמאנט האט אים אום גקלײדעט אונ געגעבן געלט אויף דער הוצאה . עס האט אזו גאר װיקטארן זײער לײד גטאן צוא שײדין זיך פון זײנע עלטערן װאס ער װאר זײער גאנצער טרײסט אונ פרײדן . נאך מעהר האט עס גיקרײנקט זײנע עלטערן . דאך װאר דארף ניט גקיקט װײל בײדע צדדים האבן אײנגיקוקט דם דאס פירט צוא זײנעם גליק . פאר זײן אװעק פארן איז ער אריין צו דעם באנקיי אום צוא נעמין אפשײד פון אים אונ פון זײנע פרױא נאך מער פון זײער טאכטער װאס ער װאר אן איר אנגיבונדין מיט ליב אונ זײל . דער באנקיי הט אים גידריקט דיא האנד . האט אים צו גװאונשין . אונ אײן עטװאס רעגעלען (כללים) געגעבן װי ער זאל זיך פירן דארט .

רען

דען מיט דיזע גאבען איז מען אימער פריי געבליבען. די פרויא אבער איז געבליבען זיצען אין איר קאבינעט. איז ניט ארום צוא איהם מיט דעם אויסרייד דאס זיא איז עפיס ניט אין גאנצען. דעם ווארימסטען אבשייד האט ער אבער גהאט פון דר איידאקסע זי האט איהם גרייכט די האנד. האט איהם צערטליך גדריקט. אונ האט אויך דער ביי איינען גרויסען טרעהר פערגאסען. א שאדע וואס דו ציהסט אפ פון הירי האט זיא צו איהם גזאגט. דוא פערשלעפסט מיט זיך מיינע קינדערישע אונ אונשולדיגע עראינערונגען (הערמאנונגען). אונ האט איהם ארום גלאזט דורך דר טיר. אונ וואר נאך דעם גאנצע פיר אונ צוואנציג שטונדען וויא פארשטערט:

וויקטאר איז אוועק קיין רוים. אונ די צייט האט זיך אלץ ניט גשטערט אין איהרעם געוויינליכען גאנג. ביי מאנכען גייט זיא איבער אין ניכטס טאן אונ ווייער לאנג. ביי איהם אבער איז זיא איבער גלאפען ווייער שנעל מיט גרוס נוצען. עס וואר איהם דארט גוט. עס האט איהם דארט נאר זיינע פאמיליע גפעלט אונ דיזעם האט ער ערזעצט (אויס גיפילט) מיט זיינע שטענדיגע בריף. אונ האט דארט גמאכט גרויסע פארשריטע אין לערנען. וויא דיא איידאקסע האט גימאכט גרויסע פארשריטע אין בילדונג. אונ אין שונהייט. זי וואר שוין בענאהע פעליג אויס גיוואקסען. אונ צייטיג צום פערהייראטען. נון וואר געפינט אלע מיהן פאר די פארנעהמסטע יונגע אדעל לייט פון דר אידישע נאציאן. דען וואס זאל מען טאן ווען קיינע אידישע פרינצען ווארן דאן אויך ניט. וויא היינט. אונ עס וואר דארט בעלע איבער בעלע. עס ווארען דיא זאהנע (זין) פון אלע גרויסע באנקיירען. דיא זאהנע פון אלע אידישע גרויסע בעאמטע (צינאווניקעס) אונ עס וואר דארט איין גיווימעל (געמיש) פון יונגע לייט ווי איין גיווימעל פון פיש אין דעם ריין קריסטאלינעם

וואסער



וואסער פון איינעם ברייטען טייך. אונ אין דיזעם טאנץ זאל האט די מוטער איהרעם געץ אויסגיווארפען אום צו מאכען א גוטען פאנג פאר איהרע טאכטער. אויך דער פאטער אנגעלטע דר ביי *) עס ווארין מאנכע גפאנגען. אבער די טאכטער האט אימער דעם געץ צוריק אום גילערט (אויס גילידיגט). דאס הייסט עס וואר איר ניכט איינער פון דיזע יונגע לייט גיפאלין. אויך האט מען ניט אויסגיגלאזין קיין באל צו וועלכין מען וואר נאר גילאדען. דען פילייכט וועט מען דארט מאכען א גליקליכען פאנג. עס האט אבער איבעראל ניט גילונגין. דען מען האט ניט גפונען אינטער דיא פאריזער אריסטאקראטישע יוגענד וואס מען ווינשט. אונ גיוואונשין וואר זייער פיל. מען האט פערלאנגט גרוס יחוס. שונהייט. בילדונג. טאלענט. אזו גאר אן רייכטום. דער צוא נאך זאל ער האבען איינען ארענטליכען אמט (קאזאנע שטעלע). נון וואו נעמט מען עס ביי זאמין? גאט פערשיינקט ניט אלע זיינע גיטער אן איינער פערזאן. אונ ווען יא איז עס דאך גאנץ זעלטין. פילייכט איינער אין גאנץ איראפא. אונ דיזער איינער וואר גראדע ניכט אין פאריז. דער צו נאך ווארין זיי דורך זייערע הייפיגין זיין אויף די בעלער העכסט אנגעגריפען (ערמידעט). ווייל דער מענש איז ניט גשאפען צו אימערוועהרענדע פריידין אונ פערגניגן. ווי דער אלטער שפריכווארט זאגט ווייל דער מענש איז ניכט צוא פריידין גימאכט. דאהער איז זיין אונ פול מיט טרערען אויך ווען ער לאכט. אונזערע חכמים האבען עס אנגימערקט אונ זאגין דאהער אין מדרש קהלת אויף

דעם

*) אנגעל הייסט איינע ווענדע מיט וואס מען פאנגט פיש. נון הייסט אנגעלען דאס פאנגין מיט דער ווענדע. אויך ווען איינע מיידכין זוכט א חתן הייסט עס אויך אנגעלען. אזו הייסט עס אויך איינען נעץ אום ווארפין.

דעם פסוק (וגם הנפש לא תמלא) . דאס איז די זייל פון דעם מענשן שטעלט זיך ניט צו פרידן מיט אלע אירדישע (וועלטליכע תענוגים . עס איז איר צו פערגלייכן צו איינע פרינצעסין וואס האט איר געהייראטעט איין געמיינער בירגער וואס קען איר ניט צוא פרידן שטעלין מיט אלע זיינע בעסטע שפייזין אונ לוסטבארקייטין . אונ דאס איז ווייל דיא זייל איז ניט איין אירדישעס וועזען (בעשעפעניש) נאר איינע הימעלשע . אונ אזו וואר דער פאל אויך דא מיט דיזער אריסטאקראטישע פאמיליע . זיי זענן דורך דיא פילע בעלע אזו וייט געווארין ערשעפט (ענטקרעפטעט) דאס זייא האבין געזוכט שוין איינע געלעגענהייט צו ערהאלין זיך (אום צו רוהען) אויפן לאנד :

אונ גאט וואס איז דער לענקער דער עהען (מזוג זווגים) האט דיזע געלעגענהייט בענוצט אום אריין צוא שפילין אין זייערע הענד זייער לייכט אונ אין גאנץ שטילן ארט וואס זיי האבן געזוכט מיט גרויס מיהע אין דיא רוישענעסטע שטעלין פון פאריז . אונ דאס איז אהין פאר די איידאקסע ווי מיר וועלן דא באלד שרייבן . דען קוים איז דער גראף קלערמאנט געווארן דם די אייבשיצר פאמיליע זוכט איינע לאנדליכע וואוהנונג האט ער זיי איינגילאדן צו זיך אין זיינעם גוט וואס וואר פינף מייל פון פאריז . ער האט דארט געהאט איינן שיינען יאגד שלאס מיט טייערע גערטנער . מיט פאנטאנין . מיט בלומען בייטין . אונ זהעריניצעס . אונ דאס גלייכן . עס וואר דארט איין וואהרער פאראדיז (גן עדן) . די אייבשיצר פאמיליע האט דיזע איין לאדונג אנגינומן מיט גרוס געפאלין . זענן אהין אוועק אונ ווארין העכסט צו פרידן דען דיזער שטילער אונ אבגילעגינר (ווייטער) ארט האט זיי גילערינט צו פערשטיין די וואהרע גיטער פון דעם מענשינס לעבין . דאס הייסט איינע פאלקאמענע געזונדהייט . איינע זעליגע גייסטעס רוהע (מנוחת





הנפש) . איינען גוטין אפעטיט . אונ איינין אונשולדיגין אונ בילגן פערגניגן אין די בעטראכטונג די וואונדער נאטעס אין דער נאטור . מאנכע שטונדן פלעגן זייא צו ברענגן ביא דען בלומענבייטן וואס ווארען פון פערשידענע מינים . מיט פערשידענע ביתות אונ מיט פערשידענע נאטורען . דס דאס אויג האט זיך ניט גיקענט זעטיגן עס צוא באטראכטין . מיט דעם זעלביגין פערגניגן פלעגן זיי זיך צו פערווילן ביי דעם זילבערהעלין באך (טייך) וואס וואר פול מיט פיש פון זייער פיל סארטין . עס וואר איינע זעלענפריידע צו זעהן ווי זייא בעלוסטיגן זיך אין דיזעם קאלארען עלעמענט (יסוד) . ווי א איינער לויערט נאך דעם אנדרן אום צו פארשלינגן אים . אדר ווייניגסטנס אוועק צו נעמען די נאהרונג פון דעם צווייטן . פונקט ווי מיר מענשן טוען אוף דעם יבשה . מער פאר אלץ פלעגט זיי פערגניגן צוא פאר ווילן זיך ביי דיא פיל ארטיגע געפליגעל (עופות) וואס עס וואר איינע אופוועהרין איבר זיי די אננעס . איינע אלטע באקאנטע אונ העכסט איינע צו נעטאניגע פריינדן פון דער איידאקסע . דיא פרוי פון זייער געוועזינעם שטראז . יאזעף שערפע . אונ צו גלייך אוך דיא מוטר פון דעם וויקטאר וואס דער גראף קלערמאנט וואר זיין גענער (מטיב) :

דען באלד זוי א דער וויקטאר איז אוועק פון זיינע עלטערין שטודירין דארט אין רוים . איז געווארין דער פאטר קראנק ער וואר בעטלעגעריג גאנצע דריי מאנאטע . אונ הט פערקרענקט דאס לעצטע וואס ער האט געהאט אונ איז אוועק געשטארבן . נון וואר זי עלענד אונ ארעם . דאס זיא האט ניט געהאט וויא איר הופט נידר צו לייגן . צו וואהר זי וואר געהאלפן פיל ווייניג פון דר אייבשיצר פאמיליע איבר הויפט פון דער איידאקסע וואס האט זיך זייער שטארק בעשעפטיגט ארום איר קראנקן מאן . האט געמאכט קאנסולעטס אוף אירע קאסטן . דאס גלייכן

רעצעפטין . דאך וואר זיא ניט צו פרידן מיט דיזעם גנאדין
ברויט אונ האט אנגינומין איינע שווערע שטעלע ביא דיזעם
גראפין קלערמאנט וואס איז דער געגנער (מטיב) פון איר זון .
זיא איז גוואורין אויף זעהרן דארט ביא אים אין יאגד שלאס
איבר דיא געפליגעל . דען זיא וואר אין דיזע זאכין אגרוסע
קענערין האט גיוואוסט מיט וואס יעדער מין פון זיא ווערט
גענערט . אונ ווי מען דארף זיך בגיין ביי זייער אום ברידונג .
וויא מען זאל זיי אפ היטן פון מאנכע קראנקהייטן . זי האט
גהאט פיל ארבייט אונ וואר דאך אבער זייער גוט בלוינט .
אונ דער צו זייער גיאכטעט פון דעם קלערמאנט :

דארט אין יענער אבטיילונג פון דעם לוסט גארטין וואס
עס וואר ערצוגין דיא געפליגעל (עופות) וואר איין שיינעס
הייזכען אין וועלכע דיא אגנעס האט דארט גוואונט . דארט
האט איר דיא איידאקסע עפטערס בעזוכט . אונ דארט האט
זיא אין אפאר וואכין ארום נאך איר אנקומן אין דיזעם יאגד
שלאס גטראפין דעם וויקטאר . זיא האט אים שון מער אלס
פערטאלבין יאר ניט גזעהן . אונ נון איז ער גשטאנן פאר איר
שיין וויא יאזעף פון עגיפטן . דאס עס וואר איינע אויגינבליק
אים אנצו בליקן . איין אפענעס גזיכט . שווארץ גלענצענדעס
האר . זיין מונד וואר פארצויגין אימר ווי צום לאכין . זי האט
אים דער זעהן אונ איז גבליבין שטיין וויא איין שטיינערנעס
בילד . דר צו נאך איז זי גוואורן רויט . פון גרוס פרוואונדערונג
אונ בשעמונג . דיזער צו שטאנד האט גדויערט שיינע עטליכע
מינוטין ביז זיא האט דיא שפראכע גפונן אונ דאן האט זיא
זיך אפ גירופין , איך גלויבע דאס דוא ביסט וויקטאר . נון
ביסט דוא עס ווירקליך ? זייא מיר העכסט ווילקאמען (ברוך
הבא) . דו זעהסט אבר אוס גאנץ אנדערש . דו ביסט איין
עכטער איטאליענער . נוא וויא גייט עס מיין יונגענד גשפילין

דאס



(דאס הייסט מיט וועמין זיא האט זיך אין איהרער קינדהייט
גשפילט) , אונד זיא זינד האט ער זיך אפ גירופן . אוך נאר
וויא איך גלויבע דיא געגעדיגע פריילין איידאקסע אייבשיץ ;
נון פריילין איך בין יעצט איין פעליגער ארכעטעקט . איך
בין פערטיג צוא דינן אייך וויא איך האב אייך ביא אייער
געבורטס טאג פערשפראכין . צו בויען פאר אייך איינן פאלאץ
גידענקן זי נאך דיזען שפאס ? אונ דאנק צו ערשט פאר די
גענאדע וואס איר האט גיציינט מיינעם זעליגן פאטער אין
זיינר קראנקהייט . גיבע גאט דאס איך זאל אייך אין אבעסרן
אופן אפ דינן . אונ האט דר ביי גוויינט :

נון האט זיך פרשפינן אונטר זייא איין לאנגעס גישפרעך
ווי עס פאסירט אימר צווישן יינגליך אונ מיידכין וואס וואַרן
אין איר קינדהייט זייער בעפריינדעט . אונ זעהן זיך ערשט
אלס זייא זענן שוין צייטיג צו פערהייראטען זיך . נאך מער
אבר איז דיזר גשפרעך פון דויער ביא אזו אפאר וואס זענין
ניט פון גלייכין שטאנד ווי דא וואר דער פאל וואס מען איז
בזארגט דאס עס וועט שון ניט קומן צו איינעם צווייטן ווידר
זעהן . אונ העטין אזו גיקענט אוועק פלוידערין ביי זאמן ביז
אין דער עוויקייט ווען זייא וואלטן ער אונ זיא ניט גילאדין
גיוואורן צו דעם גרעפעשין טיש . אונ אלס וויקטאר איז אריין
אין דעם שפייז זאל . האט אים דר גראף באלד פארגישטעלט
פאר דעם קאנטאריסט אונ פאר זיינע פרוי . דאס איז מיין
צאגלינג (וויכאוונניק) . דער ארימער וויקטאר . האט ער זיך
צו זיי אפ גירופין . ער האט אום גישטוירט זייער גוט . ער
האט פילע אטליצעס . נון פרייט מיך דאס איך האב אזו
איינעם ווירקליך גליקליך גימאכט . דער באנקיי אונ זיינע
פרוי האבן אים גיגעבט דיא האנד . האבן מיט אים איינגע
מינוטין גישפראכין זייער פריינדליך . דאך האבין זיי פרשטאנן

יעדעם

יעדעם ווארט צוא פערגאלן מיט איינעם שמארצין אויסדרוק
אדער מיט איינע פעראכטעטע מינע . דיזער יונגער מאן האט
אבער זייער גוט גוואוסט וויא עס ארונטער צוא שלינגען . דען
ווירקליך וואלט עס גיוועזן צו פיל פערלאנגט פון אים דאס זיי
זאלן אים וואס ער וואר אין שטוב ביי זיי מיט איניגע יאר
צוריק ניט וויכטיגער פאר איינען הינטעל . יעצט אויפנעהמן
אלס זייער גלייכן . גענוג פון זיי האט ער ביי זיך גיטראכט
דאס זיי וועלן מיך דולדין צו זיצן ביי זאמין מיט זיי ביי דעם
טיש . אונ דיזעם וואלטן זייא פארגיוויס ביי זייער איינענעם
טיש אויך ניט גיטאן :

ביי דעם טיש איז אום גזומן דעם וויקטארין צו זיצן דער
איידאקסע געגנין איבער . איינע גוטע גילעגינהייט זיך רעכט
גוט אנצוקוקין . זעלבסט די איינע די מוטער פון דער איידאקסע
האט אויך איר אויג ניט אראפ גינומן פון דעם וויקטאר אונ
האט זיך ניט גקענט גנוג אפ וואונדערן וואס די איניגע יארן
האבן פון דיזען עלענדין קינד גימאכט . דער צו נאך האט ער
זיי זייער גוט אונטער גיהאלטן (פערגעניגט) בייא דעם טיש
מיט זיינע ערצייהלונגין פון איטאליען . מיט זיינע אנעקדאטן
פון זיינע רייזע . מיט זיינע געשפרעכע איבער דיא בויקונסט .
דאס אלע צו הערער האבן זיינע ווערטער פערשלונגין מיט לוסט
אונ מיט אפעטיט . אלע האבין אים גימאכט פערשידענע
פראגען . נאר די איידאקסע ניכט . זיא האט אים נאר גהערט
אונ אין גיזיכט גקוקט . אונ ער איז קיינעם געבליבין שולדיג
איין אנטווארט :

נאך דעם עסין אלס דער באנקיי וואר מיט זיינע פרויא
אליין אין זייער צימער האבן זיי צווישן זיך גשפראכין זייער
פיל פון דעם וויקטאר . נוא . האט ער זיך צו איר אפ גירופן .
מען ברוכט נימאנדן צו פעראכטין . ווער העטע זיך עס ריכטן
דאס



דאס פון אזו אוואריעם זאל ווערין אזו אמאן . ער פערשטייט
זיינע זאכע זייער גוט אונ וועט עס ווייסן ווי גוט אנצווענדן .
איך וועטע מיט דיר דאס אזו איינער וועט ווערן ביי די יעציגע
אומשטענדע איינפארמאטאר (פראפעסאר) פון דער בויא קונסט ;
א יא . האט זיך דיא פרויא אפ גירופן . ער איז איין יונגער
מענש מיט גרוס גייסט . אונ דער צוא זייער שיין אונ דאס
האט פיל צו זאגן בייא דער היינטיגע וועלט . נון וועט אזו
איינער גווים צו וואס גרוסעס זיך דער שלאגין :

דער וויקטאר האט זיך דארט אין דעם יאנד שלאס פערזאמט
גאנצע דריי טעג . אונ אין יעדן טאג האט ער גהאט גלעגינהייט
צו זעהן זיך מיט דער איידאקסע דריי מאל . אונ ביי יעדעם
מאל איז מען גווארין אלץ מער בפריינדעט . אונ דיא שיידע
וואנד וואס צווישן זיי ביידן וואר איז גווארן פון טאג צו טאג
דינער . דאס הייסט דער גרוסר הפרש (אונטער שייד) וואס וואר
צווישן דעם וויקטאר אונ איר ווען ער וואר דאך פון גאנץ
קליינעם שטאנד אונ זי פון גאנץ גרוסין שטאנד) . אונ אלס
ער איז אוועק גפארין פון דארט קיין פאריז האבין שוין אלע
גבענקט נאך אים . דען ער האט זיך גוואוסט אין די איניגע
טעג צוא מאכן זיך בליבט בייא יעדן בזונדר אונ האט אלזו
גפעלט זעלבסט דעם באנקיי אונ זיינער שטאלצע פרוי דער
איינענע וואס האט זיך אנגיהויבן צוא לאנגווייל(ן) דארט . אונ
אלזוי קוים ערלעבט דאס ער זאל אין איינער אכטאג ווידער
קומן . אונ זאר שוין בעהאנדעלט פון דעם באנקיי וויא איין
פאמיליאנט . אונ אלס זיינע פרוי האט עס אים אמאל אום
גירעט האט ער איר גיענטפערט . גיין ער איז קיין גיבארענר
שטראזענד קינד . זיין פאטער אבר וואר איין בראווער מאן .
אמאל איין גרוסר קויפמאן . ער איז ארונטער גקומן נאר דורך
שלעכטע צייטן וואס האבן זעלבסט טראהענן אומגיווארפן אונ
קעניגע

קעניגע פאר בעטלער גימאכט. אוך זיינע מוטער איז איינע ביהערע בראווע פרויא. לאמיר אים ניט שלימער בהאנדלין ווי די רעגירונג בהאנדילט אזו איינעם אוים גבילדעטין יונגין מאן זיא װעט אים גווים מאכן פאר איינין אינפרמאטאר :

## (6)

איינע אנמוהט וואס מען דארף פאר
איר זייער גוט אום געפאצט װערן :

דער זומר איז זיך איבר גלאפן. די אייבשיצר פאמיליע איז אריין צוריק אין שטאט. אונ װארין ניט װייניג פרוואונדרט װעהנדיק וואס פאר אגרויסע ראללע עס שפילט דא דער יונגער וויקטאר. ער קומט אונטער דען גרעסטן קרייזען (געזעלינשאפטן) אונ װערט גלאדין אין דיא פארנעמסטע הייזר. דער באנקיי אליין האט אים אנגיטראפין אויף איין הויפבאלל. אונ עס װערט גשפראכן פון אים איבעראל אלץ פון דער גוטע זייטע. דאס הייסט דאס ער איז אפעהיגער (שפאסאבנער) יונגר מאן וואס פאר שטייט זיין זאך זייער גרינטלאך. אונ פארשטייט אויך וויא אונטער מענשין צוא לעבין. אונ האט שוין אלזוי פרשפרעכונגין פון גרויסע שטאטסמענער אונ נאך מער פון הויפראמען צוא בקומין אגרויסע שטעלע אין דער פאריזער שטראאיטעלגע קאמיסיע. וואס זאל זיין זייער איינטרעגליך. אונ צו גלייך איינע עהרענשטעלע. אזו ווי ארום חנוכה האט אונזר שלמון אייבשיצער גימאכט אבאל ביא זיך אין הויזע. אונ אויך נאר צו ליב זיינע טאכטר פילייכט װעט זיך אונטער די געסטע מאנכער פינדן וואס זאל ווירדיג זיין צו װערין זיין איידעם. נון װאר גימאכט דארט אים הויזע איינע פראגע צו זאל מען דעם וויקטארין אוך לאדין אויף דעם באל. עס װאר גאריבער גיקלערט זייער פיל אין דעם ביא זיין פון דער





איידאקסע. אונ עס איז גבליבן דס מען זאל אים יוא לאדן. ערשטינס ווייל ער װערט גלאדין װעלבסט אוף איין הויפבאל. אונ צווייטונס איז ער גלאט איין יונגער מאן פון באן טאן (דאס הייסט פון גוטן גשמאק). מאנצט זייער גוט. אונ פרשטייט אין געזעלינשאפט לוסטיג צו מאכן. אונ װאר אלזוי גילאדן. ער האט דארט גיטאנצט מיט זייער פילע פארנעהמע דאמען אונ מיידכן. אונ צום לעצט אוך מיט דער איידאקסע. וואס האט אים זייער טיף אריין גקוקט אין זיין גזיכט אונ אזו ער אין אירע. דאס עס װאר שון יעדין לייכט צוא פרשטיין אונ גיוויס שון אירעם פאטר דאס זייערע ביידינס הערצער זיילן זענן צוא זאמין גשמאלצן אונ ערגיסן זיך פון איינעם אין דעם אנדרן :

א ווייי גשריען איבר אונזערע פר אורטיילע (נארישקייטן)! האט זיך דער פאטר אפ גירופין צוא זיינע שטאלצע פרויא. דאס מיר פערשלידערן די װארע גיטער פון דיזעם לעבן צוא ליב איינעם פאלשין פליטער גלאנץ. אונ אוך זייער אפט צו ליב דעם שיין פון פולע האלץ. אונ דאס איז דיא גאוה. דער כבוד המדומה גימיינטע (עהרע) יחוס האבות. דען גאר צוא ליב דעם אליין פערהייראטן מיר אונזערע טעכטער מיט טויגעניכטצען נאר ווייל זיי זענן פון הוכען אדעל וואס מאכן זיי העכסט אונגליקליך. אונ פעראכטין מאנכע יונגע לייט וואס זענן פון גרוסע פאהיגקייט (ספאסאבנאסצען) אונ מיט גרוסע טאלענטע. אונ פון גוטער אויפפיהרונג נאר צוא ליב דעם ווייל זיי זענן פון נידעריגן אבקונפט (יחוס) דאס הייסט פון ארימען שטאנד. א פיל גליקליכער העטע גיװען אונזער טאכטער װען די װאלט גװען אקינד פון איינעם בירגער. דען דאן װאלט איך שון ניכט גשמאנט אין װעג צוא הייראטין דיזען יונגין וויקטאר װעלכין זיא גװיס ליבטע פון הערצן וויא איך זעהע. אונ דארף זיך ניט זאגין עס נאך אמאל פר

איר מיל צוא ברענגן וייל מיר זעגן פון אדעל . מיר זענין רייך . נון הייסט מיר גהערין צו טאן מיט אזו איינעם וואס איז פון אונזער גראד , אונ דער צוא נאך מיט אלע מעלות . אונ אזו איינעם איז שווער צו בקומן אונטר אזו אקליינעם צאל מענשין וויא אונזר גראד איז . אלזו ועט מזן איינם פון דיא ביידע גישעהן . ענטווער זיא וועט מוזן ווידמן פילע צייטן ביז וואנין מיר וועלין אזו איינעם בקומן . אדר זיא וועט זיך פאר הייראטן מיט איינעם אפעליגן טוגענדבטם . אונ פיליכט קען נאך ביידע פעלע בייזאמן גשעהן . פילע יארן ווארטן אונ ערשט דאן איינען טוגענדבטם צו באקומן ; א איין פארשעם גישוינק דר יחוס אונ דם רייכטוהם . מאכט אן מער קימערנים אלם פריידן :

יוען זוי . האט זיך דיא פרוי אפ גירופן צו אים . איז מען דאך וואס מער גרעסר אלץ מער אונגליקליכר אונ דאך וויל עס יעדער זיין . וועלכט אונזרע אידישע אלטע חכמים האבן גזעצט אווערט אגרויסן אוף יחוס . אונ דאך . האט ער זיך אפ גירופן . האט ביי זיי יחוס עצמו גהאט אגרעסרין ווערט אלס יחוס משפחה . דען זיי אליין זאגין דאך דאס אממזר אתלמיד חכם איז פיל גרעסיר אלס איין כהן גדול וואס איז איין עם הארץ . אוך זאגט די וועלט אשפריך ווארט איין טוגענדבטם אמיוחס איז גאר אקארטאפיל . דיא רעכטע פרוכט ליגט אין דער ערד אונ דאס ארום גיוואקסינע איז גאר די אמציגע אונ וויי־טער ניכטס . אלזוי הייסט עס . האט זיא זיך אפ גירופן צו אים . דם פון דיינעט וועגין איז שון רעכט צו טאן מיט דיינעם שטראזון ? א בהישע גאט . האט ער זיך אפ גירופן . עס איז מער ניט וויא גזאגט . דאס הייסט דאס דער קליינער שטאנד איז אין פיל זאכן גליקליכער אלס דער גרוסר שטאנד . אונ הויפטזעכליך אין שדוכים . דען ביי דער גרויסר צאל הט גינוג

אוים



אוים צו קלויבן . אונ קיין זאך שטערט זיי ניט דאריגען . אונ דיזעס גליק . האט זיא זיך אפ גירופן האבן אוך דיא שוויינע . זיי האבן איבעראל זייער גלייכן אונ בפרידיגן אונגישטערט זייער לוסט :

דיזער געשפרעך האט זיך אוועק גיצויגען ביז מען האט זיך גיזעצט ביי דעם טיש וואו דער וויקטאר האט אונטער גיהאלטן די געסט זייער וויטציג , דאס יעדער וואר זייער העכסט איינגינומען פאר אים , הערן אונ דאמען , דאס יעדער האט איינען ווארעמען אבשייד פון אים גינומין , אין עטליכע טעג ארום האט זיך דר וויקטאר גיקאזט איינגלאדן ביי דעם באנקיי , אין דער פריא אזוי ווי ארום נין דעם זייגער , דער באנקיי איז צו אים ארוים , האט אים פריינדליך אויפגינאמען , האט אים גיבעטין זיצען , האט אים מכבד גיוועז מיט אגלאז קאווע , אין האט אים גיפרעגט וואס זיין קומען איז , מיין קומען צו אייך מיין הערר , האט אים וויקטאר געענטפערט , איז פון גרויסע וויכטיגקייטן . ניט ווייניגער ווי אים דאס לעבין פון צווייע פערזאנין , אונ ווערדע מיך אוים דריקן פאר אייך ווי אסתר המלכה פאר דעם אחשורוש אלס זי איז גיקומין פאר אים בעטין פאר זיך אין פאר איר נאציאן , תנתן לי נפשי בשאלתי ובתכם בבקשתי , דאס הייסט שונקט מיין לעבין אונ דאס לעבין פון אייער טאכטער , דען מיר ליבען אונז שטערבליך , אונ בין אים שטאנדע איר גליקליך צו מאכין , נון גיט מיר איר פאר אפרויא .

ביזט דו ביי דעם זינען דוא ארעמער מענש ? האט אים דער באנקיי גיפרעגט ווערענדיק אויפגיקאכט ווי איין קעסיל , איך פערשטיי דיך ניט , אגאנץ אזוי וויוט זאל מען אנגעפערשעמט ארין צו פאלין אין מיינעם הויזע אונ אזוי צו

בעליידיגן

בעלײדיגן מיך אונ מײנע אײנציגע קינד. דאס זיא ליבט אים גאר, א װײ װײ איבער די פערפלוכטע מאנצעריי. דאס אזוי אײנער מײנט זיך דורך דעם גלײכגישטעלט צו אײנער פארנעהמע פערזאן, אונ האט אלזוי דער װײלע אפגעטרעטין ריקװערץ ביז ער איז אריין אין זײן שלאפצימער; האט צו גישלאסין די טיר אונ האט גילאזין דעם װיקטאר שטיין אלײן אין פארצימער. ער האט זיך דארט פאר זאמט נאכהער נאך עטליכע מינוטין אונ איז דער נאך ארויס פון דארט זײער גיקרײנקט, אין דעם קארידאר (לאנגען פארהויז) האט ער גיטראפין װארטענדיק אויף אים די אײדאקסע, דען זי האט אים געשיקט צום פאטער אונ האט גיװארט אלזוי אויף אײנען אנטװארט, איך האב אויס גיזעהן ביי אים' האט ער איר גיענטפערט' װי איין װאהנזיניגער. ער האט זיך גיװאונדערט אויף מײנעם פארשלאג, אונ האט זיך באלד דארויף פערשלאסין אין זײנעם צימער, צו װאר פאר איין אנמוהט קימט קיין פאטש, האט זי זיך אפגערופין, דאך װען דו ביזט אװעק גיקומין דער פון אן קלעפ איז נאך דא אגרויסע האפענונג דאס ער װעט װערין אנדערש.

זי האט עס גישפראכין מיט גרויס ריהרונג אונ האט דער ביי די אויגען געװישט, אונ האט אים ארונטער גילאזט די טרעפ מיט אײנעם פערקלעמטין הערצין, אונ האבין ביזא דעם שיידין זיך אײנער דעם אנדערין גיטרײסט צו ערלעבין בעסערע צייטין. ער איז אװעק גיגאנגין, אונ דער באנקיי איז גיזעסין אין זײנעם שלאפצימער אצוקאכטער אצובראכענער, אונ האט אלץ נים גיקאנט צו רעכט מאכין ביי זיך אין קאפ װי קומט דער װיקטאר איין העכסט קלוגער יונגער מאן צו אזוי אײנעם דומען פארשלאג, ער װאר דער פון אזוי שטארק גיקרײנקט דאס ער װאר נאהענט פון אפאפלעקציא



אפאפלעקציע װען ער װאלט זיך נים אויסגירעט אונ אויסגילאסין זיין אונמוהט פאר זײנע שטארצע פרויא, זי װאר פון דיזער שרעקליכע נאכריכט גערירט װי פון אײנעם דונער שלאק. זיא האט זיך גאר נים גיקענט פאסען (אײנהאלטין) האט אויס גיבראכין אין אשרעקליכין װײנען. דאס איז אײנע אונפערצײליכע בעלײדיגונג „האט זיא אויס גישריען' העטע ער דאס מיר פארגישלאגין איך העטע אים פון אלע טרעפין ארונטער שמייסין לאזין, א װאס מיר האבין ערלעבט דאס אונזער שטראז זין זאל אונז אנשפרעכין װעגין אונזערע טאכטער, אונ אום איר געמיטליין אפצוקלען האט זי גילאזט אריין רופען צו זיך דיא אײדאקסע, זי האט נאך דער װײסט טרערין אין איהרע אויגען, אונ האט איר זײער שטרײנג עקזאמענירט, זאל עס װאל זיין? האט זיא איר גיפרעגט, װאס דער װיקטאר דײנעם פאטער גיזאגט דאס דוא ליבסט אים? יא ליבע מוטער, האט זיא איר גיענטפערט, ער האט קײנע ליגע גיזאגט, עס איז װאר איך ליבע אים. אונ װערדע אים אויך ליבען װען איר זיין זאגען װערדעט, א ליבעס קינד, האט זיך די מוטער אפגירופין, דוא ביזט פערגעװיס קראנק, נים ביי דעם רעכטין זינען, דען זאנסט העטעסט דו זאלכעס נים גישפראכין, א אײדאקסע ערבארעמע דיך איבער דײנע מוטער, איך װעל עס נים אויס האלטען, עס װאר אבער צו טויבע אויערען גישפראכין" דאס מײדכען איז געבליבען ביי דאס אירעגע, דאס זי ליבט דעם װיקטאר, אונ נור װעגין זײנע גרויסע טוגענדען אונ פעהיגקײטען, אונ איז אלזוי געזיבערט צו האבין אין אים איין טרײען בראװען מאן, איך מין נור איין שטילעס אונ ערליכעס לעבין צו פירען "האט זיא גיזאגט", אבער נים גלענצען, דאס הייסט איך װיל לעבין נור פאר זיך

זיך אבער ניט צו שייגען פאר דעם אנדערן.

(7)

### ענדע מיט אלעם גוט

עס איז איין אלטער שפריכווארט דאס דיא צייט איז
אגרויסעס אונענדליכעס בוך. וואס יעדע זעקונדע איז אין
אים איין בוכשטאב. יעדע מינוט אווארט. יעדע שטונדע
איינע ציילע (שורה) יעדער טאג איינע זייטע, יעדע וואך
אבלאט יעדער מאנאט אקאפיטול. יעדעם יאר אטייל, דאס
הייסט יעדער טאג ברייגגט אנדערע נייעקייט, אונ בעלערט
אונז איבער דעם גאנג דער וועלט, אונ ווי אין מאנכען
שווערען בוך אדער ספר ערקלערין דיא לעצטע בלעטר דיא
פאריגע בלעטער, אזוי גלייכין אויס זייער אפט די שפעטע
מאנאטע פילע ענינים וואס האבין אויס געוויזען זייער קרום
מיט אפאר מאנאטע צוריק, דיזער פאל וואר דא אויך,
אין אפאר מאנאטע וואר שוין צו לעזין אין די צייטונג:
הערר וויקטאר שערפע איז געווארין ערנאנט (בעשטימט) פאר
איין פראפעסאר פינפטער קלאסע נומר אכט. „עס איז שאדע
דאס זיינע עלטרן זענן שון ביידע טוט" האט גזאגט דער נייער
שטראז וואס ביי דעם באנקיי אין הויף צו זיינער פרוי". אונ
האבן ניט זוכה געווען צו זעהן ווי ווייט זייער זון איז גליקליך-
דען דיזע ביידע דאס הייסט דער נייער שטראז אונ זיינע
פרוי האבין זייער גוט געוואוסט דאס דיזער פראפעסער איז
געבאהרין אין דעם זעלבין קעלער וואו זייא וואוינין יעצט. א
האט זיך אפ גירופן זיינע פרוי. דער פאר אבר וועט ער דאך
באדארפן צאלן אלע יאר אכטצעהן טאלער ראנג שטייער ווארט
אין די זיטע דאס יעדר ציגאוונער מוז צאלין אלע יאר פאר
זיין



זיין אמט א. דוא ביזט דום וויא איין גענעבען. האט ער איר
גענפערט דער פר בעקאמט ער דאך פיר טוזינד טאלער גהאלט.
אונ ווירד נאך איינע רייכע פרויא אוך בקאמען. א מעכטין
מיר עס אן אונזערע קינדר ערלעבן:
ניט ווייניגער גוטס וואר גשפראכין פון דעם וויקטאר. אוך
אין דעם צווייטן עטאז. דס הייסט אים הויזע פון דעם באנקיי.
דען דיין גענער דער גראף קלערמאנט וואס וואר דארט איין
גרוסר איינגייער פלעגט אבויבטליך בגין מאכן איין גשפרעך
פון אים דארט. אונ אלס דער באנקיי האט גיוואלט זיין הויז
רעפערירן. האט דער גראף פארגישלאגן דאס דער הויף זאל
אומגימאכט ווערן נאך דעם פלאן פון דעם וויקטארס צייכענונג
וויא ער האט אין זיינער קינדהייט אויס גריסענעט פאר דיא
איידאקסע. אונ אונטר זיינער אויפזיכט. אונ עס איז אזוי
גבליבן. דאך מער צו ליב דעם גראפין אונ צוא ליב זייער
טאכטער אלס אויס איינינעם ווילין. דען זייא אליין האבין
ליבערשט גוואונשן צו פאר געסין זיך אן אים אוף אימר אונ
איביג. אונ דאהער אלס עס וואר ווידר דארט אין שטוב איין
באל צו ליב דעם גיבורטס טאג פון דעם באנקיי וואר גילאדין
צי ווילענדיק צי ניט ווילענדיק אויך דער וויקטאר. פילע
געסטע זענין גקומן מאסקירט. פילע אונמאסקירט. אונטר די
מאסקירטע וואר אויך אונזער וויקטאר דעם שטראזס זון. ער
וואר גקליידעט וויא איין טראלער. אונ האט אוס געזעהן אין
דיזער טראכט גאנץ היבש. אוך וואר זיין גאנג אונ זיין גאנץ
בענעמין גאנץ מאיעסטעטיש (קיניגליך) דאס אלע געסטע
אונ אזו אויך דער באנקיי אונ זיינע פרויא האבן פארמוהטעט
אין אים פערמיינט דס דאס איז פערנווים דער אייסטרייכישר
געזאנדטער וואס וואר אויך גילאדין צו דיזעם באל. אונ ווען
ער

ער איז גראדע ניט גקומן ווען איינר קליינע אונפאסליבקייט
(אונגיהנהייט) אונ ווער אלזוי רעספעקטירט (פערעהרט) פון
אלע איינגעלאדינע וואס וארען דארט . נאך מער פון דעם
באנקיי אליין אונ זיינע פרוי . אונ יעדע דאמע יעדעם מיידכען
וואס ווער גפירט פון אים צום טאנץ האט זיך גפונן העכסט
גשמייכעלט אונ גיהערט . זעלבסט די שטאלצע אגענע האט
עס אנגינאמן פאר איינע גרוסע עהרע . מער פאר אלץ הט
איר גפרייט דאס דיזער מאסקירטער הער איז זייער פיל
בשעפטיגט מיט איר טאכטר די איידאקסע . אונ האט גזאגט
צו אירעם מאן שאדע דאס דיזער יונגער הער איז קיין יודע .
ער איז נאך אונפערהייראטעט . אט אזו איינעם העמע איך
גוואונשן צוא בקומן פאר אונזר טאכטר . נו צוא וואס פירט
אזעלכע רייד ? האט ער איר געענפערט . עס איז אזו אהויבע
שיידע וואנט ניט אריבער צוא שטייגן . ניט ער וועט ווערין
יודע אונ ניט אונזרע טאכטער קען ווערן קריסטין . נאך מער
דאס אונזרע טאכטר האט גאר איינע נייגונג פאר־דעם שטראו
זן . אונ ווען איין מיידכין קען שון אזו ווייט זיך ערנידעריגן .
דאס מוז שון די ליבע אירע צו אים זיצן זייער טיף אין אירעם
הערצען . נו קען עס אום איר גשעהן ווען מיר וועלין איר
צווינגן צוא פערהייראטין זיך מיט איינעם אנדרן . דאהער
העטע שון דיזער הער אזו גאר וועלן יודע ווערן אינם געהיים
קען שון אויך ניט צו וואס נוטעס פירען . דען איר גאנצעם
הערץ איז גאר איינגינומן פאר דעם וויקטאר . א זאג עס ניט
שלמן . האט זיא זיך אפ גירופן . איך פערשטיי מיך פיל
בעסער אויף אמיידכען זעלע אלס דו . איך לעגע אין אירע
אויגען דאס דיזער יונגער הער איז איר העכסט בליבט . זי
איז פערטרונקן אין זיין גזיכט . אונ פערשלינגט יעדע מינע

זיינע



…גע . אונ ווי ער פירט איר גאר צום טאנץ פילט זי זיך פאר
…צט אין דעם זיבעטן הימעל . נו מיין ליבער שלמן דיא
…בע קען וואונדר טאן . אום ליבע צו דינה יעקבס טאכטר
…אט זיך איינע גאנצע שטאט בשניטן . נו ווארום קען דיזער
…אל ניט גשעהן מיט איינר פערזאן . דאס הייסט מיט דיזען
…נגען הערן וואס ווי איך זעה איז ער אין איר גיט ווייניגער
…ערליבט אלס זי אין אים . א איך גליהע פון לוסט אום צו
…קומן דיזען יונגין מאן פאר אונזערן איין אידעם . א דוא
…יסט וואנזיניג (משוגע) מיינע ליבע אגענע . האט זיך דער
…למן אפ גירופן . וואס דיך פרייט מאכט מיך העכסט
…זארגט . בהיטע דער ליבר גאט דאס אונזר איידאקסע זאל
…ך אין דיזן יונגן מאן פערליבן . דען צו איינער הייראט וועט
…ס גיוויס ניט קומן . אונ דאן איזט זי די אונגליקליכסטע אין
…ער וועלט . אונ צווישינס ווען ווער איז וואס דוא מיינסט
…אס זיא איז אין אים ווירקליך פערליבט גיווארין אין דיזער
…ליינע צייט . דען זי זעהט אים דאס ערשטע מאל אונ דער
…נו נאך פערמאסקירטערהייט . דאן האט זיא ביי מיר זייער
…ערלארן . דען הייסט עס גאר איין לייכט זין פון איר . הייסט
…ליבט זי דעם אונ מארגן איינן אנדרן . נו וועט זיין אונגליקליך
…דער מאן וואס וועט זיא הייראטין . אונ אונטער אונז גזאגט
…מיך קרענקט זייער וואס איך בין דעם וויקטארין אזו גראב
…אנגיקומן אלס ער איז גקומן צו מיר מיט דעם אנטראג דאס
…איך זאל געבן אים אונזר טאכטר . ערשטינס דארף מען קיינעם
…ניט זעלבסט דעם מינדעסטן וואס קומט בעטן א טאכטר זעלבסט
…ביי דעם גרעסטן ניט אפ זאגן אזו גראב ווי איך האב אים
…אפ גיזאגט . ווייל עהען (שדוכים) זענן פון גאט . אונ וואו גאט
…מישט זיך ארין העלפט ניט אונזר ווילן . בתואל הט גשטערט

דעם

דעם שידוך פון רבקה איז ער גשטארבן. מאנכע ווערן דאריבער
ארעם. אדער טרעפן אן נאר אן אשלימזל. אונזערע חכמים
זאגן גאר דאס צייט גאט האט בעענדעט זיין וועלט מאכט
ער לייטער אונ פארט צוא זאמען שידוכים. דאס הייסט איין
צד הייבט ער אויף אונ דעם אנדרין צד לאזט ער ארונטער
שטייגן דאמיט זייא זאלן זיך אוים גלייכן. קורץ אום. מען
גהערט ניט צו זיין שטאלץ ביי דעם ענין פון א שידוך. אונ
פשיטא שון ניט אפ זאגן וועמען מיט שטאלץ. צווייטינס האב
איך ניט גדארפט איינרייסן מיט דיזעם וויקטאר וואס האלט
אין וואקסן. איז שון פראפעסער אונ וועט מיט דער צייט
נאך שטייגן. ער איז אין גרויסן אנזעהן ביי דיא געלעהרטע
וועלט. אזו איינער קען אונז מיט דער צייט גענוג ווייא. טאן.
דען דו ווייסט ניט די היימישע פאליטיק וואס די רעדיל דרייט
זיך אין איר פיל לייכטער ארום אלס אין דיא פאריגע צייטן.
טראכטן שטירצן אונ פון באנקייען ווערין בעטליר. אונ וויא
איך זעהע איין איז ער שון ברוגז אויף אונז. דען ער איז ניט
געקומען צום באל אונ בלייבט אונז אשונא אונ מיט רעכט:

אונ וויא אזו ווייסט דו? האט זיך די איינגע אפ גירופין
דאס ער איז ניט דא - פיליייכט שטעקט ער אונטער איינער
מאסקע. א איך קענע אלע אונזערע געסטע. האט ער זיך אפ
גירופין. זייא מעגן זיין צעהן מאל פארמאסקירט. איך דער
קענע זיי אלעמען פון זייער גאנג. פון זייער שטיין. אונ פון
זייערע בעוועגונגן. אונ האט אלזו אנגיהויבן אום צוא רעכנן
יעדן בזונדער:

ער האט נאך ניט געענדעט דיזען רעכנונג איז אנגיקומען
דער גראף קלערמאנט דער גענער (פריינד) פון דעם וויקטאר.
זייא האבין אים פריינדליך גגריסט אונ דער שלמון האט אום

ארטי קייט



ארטיקייט נאר אים גיפרעגט צוא ווייס ער ניט ווארום איז
ניט גיקומען זיין וויקטאר אויף דעם באל. ווייל ער האט
גהאט פון איהם א גרויסע בעליידיגונג. האט אים דער גראף
גיענטפערט. ווייל ער האט מיך פריער בעליידיגט מיט זיינעם
פרעכין (חוצפה דיקען) אנטראג. האט ער אים געענטפערט. ער
האט פארלאנגט פון מיר מיינע איינציגע טאכטער. דאס איזט
מיין הער. האט אים דער גראף גיענטפערט. קיינע בעליידיגונג
אין אונזערע צייטן וואס דיא בילדונג שפילט אין זייא איינע
פיל גרעסירע ראלע אלס דער יחוס פון דעם אלטן אדעל.
מיר האבן איצונד מארשעלע אונ הערצאגע וואס זייערע עלטרן
זיינען שוסטערס. פליישערס. וועלכעס מוראט נאפאלעאנס
שוואגער וואר איין קעלנער יונג. איך זאגע אייך העטע דיזער
יונגער מאן זיך ניט פערליבט אין אייער טאכטער העטע ער
גקענט טאן א גרעסרן שידוך. דען ער איז איין מאן פון גרויסן
ווערט. נוא ווען זא מיין הער. הט זיך דער באנקיי אפגירופן
בעטע [illegible] איך דאס זייא זאלן אים מיט אונז שלום מאכן.
ווען אזו. זאגט דער גראף. ווערדע איך אים באלד אריין רופן:

באלד דארויף הט דער גראף אוואונק גטאן צו דעם וויקטאר
וואס ער וואר פערטאן אין א טיפן גשפרעך מיט דער איידאקסע
אונ ער האט אויף דער שטעלע גלאזן די מאסקע ארונטער פאלן
פון זיינעם גזיכט. איז צו געגאנגען צו דעם באנקיי איז גפאלין
אויף דיא קניא אונ האט בעגעים זיין ערשטן פערלאנג. דער
באנקיי הט אים גירייכט די האנט אונ האט צו אים גזאגט
איין [illegible] בעוויז דאס דו ליבסט מיינע טאכטער אויפריכטיג.
אונ דאס איז גאנץ גינוג פאר צערטליכע עלטרן. נון איז זיא
דיר שון פערשפראכין. פון גאט אונ אויך פון אונז איז זי דיין:

פון